בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ק"ה

יו"ל: ט"ו באב ה'תשפ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב,
נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**


# תוכן השיעור


**דער פאסיגער מיניסטער**
**"איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן!"**
**אריינגעלייגט דעם קאפ אין ספרים שאנק**
**ענין שתיית "לחיים"**
**דער גן עדן אליין!**
**מדינת קיר"ה**
**איך האב נישט געווארט ביז דעם טאג...**
**וכל נתיבותיה שלום**
**גופא בתר רישא גרירא**
**מקורב געווארן צו א אינגל**
**א חזן אמאל**
**געזעהן דעם רוח הקודש פונעם רבי'ן**
**אט דאס איז א חסיד!**
**דער בשותפות'דיגער הסכם**
**'איך' זאל זאגן 'ניין'?!**
**שטארק צוגעהאלטן דער האנט**
**"כי שם המקום המוכן לו"**



ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה''ק: 02.560.7387**
**ארה''ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #105**

בס"ד

# שיחה פרשת מקץ-חנוכה
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 121#)

## דער פאסיגער מיניסטער

(ביקור חולים בחנוכה אצל ר' לוי יצחק אחרי שעבר ניתוח בַמעיים) **ברוך השם, עס איז רבי אברהם ר' נחמן'ס יארצייט, איך האב געזאגט א קדיש! איך האב זיך נישט געראכטן דערויף** (עקב החולשה).

**ר' נחמן** (טולטשינער, אביו של ראבר"ן) **איז געווען א געוואלדיגער חכם. ווען עס איז געווען דארטן דער סכסוך פון די טירהאוויצער[א], האט ר' נחמן געזאגט: "ווי קום איך צו זייער עבודה?! נאר אַן עצה דארף מען מיר פרעגן!".**

**מיר האבן געהאט א חסיד אין טעפליק, רבי מרדכי'לע דיין'ס א זון, ער האט געהייסן רבי אברהם[ב]. ער איז געווען א גרויסער עושר, ער איז געווען א בחינת רבי אלעזר בן חרסום[ג]. ער איז געזעצן און געלערנט - און די געשעפטן האבן זיך געפירט. ער האט נישט גערעדט מיט קיינעם - מיט די קינדער האט ער אויך נישט גערעדט, ער איז געווען סגור ומסוגר - געדאווענט און געלערנט. מען האט אים גערופן "ר' אברהם ציפורה'ס" – אויף דער מוטער'ס נאמען.**

---

[א] עי' טעם זקנים קונטרס פ'.

[ב] עי' אודותיו בטעם זקנים קונטרס צ"א.

[ג] עי' יומא לה:

ווען ר' נחמן טולטשינער איז געקומען קיין טעפליק האט ער אפגערעדט מיט אים שעה'ן. האבן אים געזאגט די קינדער: "מיט אונז ווילסטו קיינמאל נישט רעדן, און מיט דעם אלטן אידן טוהסטו אזוי פיל רעדן?". האט דער רבי אברהם געזאגט צו זיינע קינדער: "קוקט אן דעם איד, **ער איז אזא חכם - אז עס וועט זיין די אידישע מלוכה, וועט ער זיין דער פינאנץ-מיניסטער - אזא חכם איז ער!**". ער וועט זיין דער "מיניסטער-פינאנץ", דאס הייסט, פון געלט זאכן.

(ר' משה בינענשטאק: איר האט אים געקענט דעם רבי אברהם ציפורה'ס?) **ניין.**

און ר' נחמן האט געזאגט אויף די טירהאוויצער: "ווי קום איך צו זייער עבודה?" (כנ"ל).

אין דעם ענין פון התקרבות צום רבי'ן ליגט עפעס אזא מין זאך, עס קען זיין איינער איז אן עובד - און אין עצם זאך פונעם צדיק איז אן אנדערער מער נעגטער, ער האט עפעס מער ביטול, (ער איז) מער משָרת. עס קען זיין אז עס איז געווען גרעסערע עובדים פון יהושע בן נון אויך - עס קען זיין, אבער פארוואס האט יהושע זוכה געווען צו זיין דער מקבל? דער "לא ימיש מתוך האהל"[ד]! דער "משָרתו" - דאס איז דער עיקר, דאס איז גאר עפעס אנדערש! דער ביטול, דאס איז אן אנדער שבח![ה]

---

[ד] שמות לג, יא.

[ה] עי' מדרש רבה, פר' פנחס פר' כ"א, פס' י"ד: "'יפקוד ה'. מה ראה לבקש הדבר הזה אחר סדר נחלות? אלא כיון שיָרשו בנות צלפחד אביהן, אמר משה, הרי השעה שאתבע בה צרכי; אם הבנות יורשות, בדין הוא שירשו בני את כבודי. אמר לו הקב"ה (משלי כז) 'נוצר תאנה יאכל פריה' - בניך ישבו להם ולא עסקו בתורה, יהושע הרבה שרתך והרבה חָלַק לך כבוד והוא היה משכים ומעריב בבית הועד שלך, **הוא היה מסדר את הספסלים והוא פורס את המחצלאות**. הואיל והוא שירתך בכל כוחו כדאי הוא שישמש את ישראל, שאינו מאבד שכרו - 'קח לך את יהושע בן נון' לקיים מה שנאמר 'נוצר תאנה יאכל פריה'". ועי' בהקדמת הרב מטשעהרין בעלים לתרופה; ועי' "כוכבי אור" חלק שיחות וסיפורים אות מ"ז.

## "איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן!"

וויפיל מיר האבן געזעהן 'עבודה' ביי רבי אברהם ר' נחמן'ס אויף די עלטערע יארן, האבן מיר געהערט פון זיין יוגנט וואספארא 'ימי חורפו' ער האט געהאט. אויף רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט מען זאגן: **ער האט נישט געלאזט קיין איין אָדער און קיין איין אבר וואס איז נישט פול מיטן רבי'ן!**

**עס איז א חשוב'ער טאג, עס איז רבי אברהם ר' נחמן'ס הילולא. עס איז שוין א** פופציג יאר פון ווען ער איז נפטר געווארן - ע"ח, און יעצט איז שוין ל"ו.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן איך זאל ווייטער זיצן צוזאמען מיט אונזערע לייט און רעדן, אבער אז איך קען נישט טאָר איך נישט. **אז אונזערע לייט זיצן איז מיר זייער חשוב, ברוך השם; אז מיר זיצן צוזאמען איז שוין אויך זייער גוט!**

ר' יצחק (בן מוהרנ"ת) איז אמאל געווען שטארק שלאַף. האט ער געזאגט: **"רבוש"ע, וואס זאל איך דיר זאגן? קען איך דיר זאגן אז איך וועל שוין זיין אַן ערליכער איד - ווי קען איך דיר צוזאגן? נאר איך זאג דיר צו, איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן, איך וועל געדענקען, איך וועל נישט זיין קיין כפוי טובה!".** דוד המלך זאגט: "אָבוֹא בֵיתְךָ בְעוֹלוֹת אֲשַׁלֵּם לְךָ נְדָרָי, אֲשֶׁר פָּצוּ שְׂפָתָי וְדִבֶּר פִּי בַּצַּר לִי"[ו].

(אחד הנוכחים: איר זענט נישט געזונט וועגן מיינע עוונות - איך בין נישט מסופק דערין!) **פארוואס דארפט איר רעדן אזעלכע נארישקייטן? "אני מחצתי ואני ארפא"[ז] - דאס איז עס! מער איז נישטא קיין שום סיבה.**

---

[ו] תהלים סו. עיי"ש במפרשים.

[ז] דברים לב, לט.

אונזערע לייט האבן געבעטן, אונזערע לייט האבן מרבה געווען בתפילה - דאס האט געהאלפן!

(ר' משה: זיי זאגן, אז עס איז שוין אריבער דרייסיג יאר וואס איר האט דאס געהאט; ברוך השם אז איר האט נישט געליטן ביז היינט דערפון!) **דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן!**

איך האב זיך שטארק דערשראקן, איך האב געזעהן אז דאס ברעכן (- הַקָאות) איז נישט קיין פראסטער ברעכן. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן איך זאל פון איצטער לעבן א גוט לעבן און אוועקווארפן אלע נארישקייטן און טראכטן פונעם תכלית!

❖

## ארייגעלייגט דעם קאפ אין ספרים שאנק

(ר' משה: איר האט געהערט אז רבי אברהם ר' נחמן'ס ביי דער ברית איז ער געווען מסוכן, עס איז געווען אסאך בלוט?) **יא יא.**

(ר' משה: ער האט געזאגט, אז "שוין פון קינדווייז אָן האט דער בעל דבר געלאקערט אויף אים!"?) **יא.** (השואל: ווער האט דאס געזאגט?) **ר' נחמן טולטשינער.**

נאך קליינערהייט ווען ער (רבי אברהם) איז געווען א קינד פון זעקס יאר האט ר' נחמן שוין געזעהן אז דאס איז עפעס אן אנדער קינד. אזוי (סתם) א קינד אז ער קומט (אהיים) פון חדר (מבקש:) "מאמע גיב מיר עפעס" - א קליין קינד וויל די מאמע זאל אים עפעס געבן. 'ער' איז נאך קליינערהייט צוגעגאנגען צום שאנק, ארייגעלייגט דעם קאפ אין שאנק אריין - מיט ספרים; אז מען האט אים גערופן עסן, איז ער געגאנגען...

האט אים ר' נחמן טולטשינער געזאגט נאך קליינערהייט: "דו קערסט קיין ארץ ישראל, חוץ לארץ קען דיר נישט סובל זיין!".

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: ווען איז ער נפטר געווארן?) **תר"ט; ער איז אלט געווען ניין און זעכציג** (בהסתלקותו).

(ר' משה: און ר' נחמן טולטשינער האט אויך געלעבט ניין און זעכציג יאר?) **רבי אברהם פלעגט זאגן: "דער טאטע האט אריינגעצויגן אין דעם זיבעציגן יאר"** (קרוב לשבעים)**. אין חוץ לארץ האט דאס געהייסן 'אריכות ימים'.**

❖

(ר' משה: דער צווייטער ניגון פון 'מעוז צור' איז פון ר' מאיר לייב בלעכער?) **דער ערשטער אויך. ער איז געווען א מנגן א גרויסער. דעם "שושנת יעקב" וואס מיר זינגען –ביידע, האבן מיר פון אים. און "יום ליבשה" איז אויך פון אים. ער איז געווען רבי נתן'ס א תלמיד חבר - א געוואלדיגער למדן. ער איז געווען רבי אברהם ר' נחמן'ס רבי** (בתורת הנגלה)**.**

**ער איז געווען א בעל מלאכה - א בלעכער, ער האט זיך מפרנס געווען ממעשה ידיו. ער האט געארבעט דעם טאג וואס ער האט פארדינט[ח]. און ער האט געטוהן – געדינט דעם אויבערשטן!**

**רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אויף ר' מאיר לייב'ן: "ער איז געווען אזא איד - אז ער פלעגט גיין צום רבי'ן אויפן ציון, האט ער זיך דריי טעג צוגעגרייט!"**

❖

[ח] עי' שיש"ק ח"ג, ת"ה: רבי מאיר ליב הנ"ל, שהיה נפח במקצועו, היה עובד מדי יום רק כדי מחיתו לאותו יום, וכשהרויח כדי סיפוקו לאותו יום, שוב לא עבד, וסגר בית מלאכתו והלך לעסוק בעבודת השם יתברך, וביום שישי היה עובד לכדי סיפוקו לשני הימים ליום הששי והשבת.

# ענין שתיית "לחיים"

(ר' משה: מען פלעגט קיינמאל נישט טרינקען ביי א יארצייט עפעס לחיים?) **איך וויים? נאר א לעק געטוהן דארטן...**[ט]

**רבי נתן האט אזוי געזאגט: "פריער איז געווען ביי די גדולים - מען האט געטרונקען 'עפעס' - און גערעדט אסאך דיבורים; צום סוף איז געווארן די דיבורים וויניגער - און טרינקען מערער!".**

(ר' חיים שלמה: ר' נחמן טולטשינער האט געמאכט טיי? - אזוי שטייט דא!) **יא, ביי אונז איז געווען טיי.**

**רבי נתן'ס פנים איז געווען א לעכטיג פנים - אזוי אביסל רויטליך. האבן געזאגט די מתנגדים, דאס איז דערפאר ווייל ער טרינקט בראנפן. רבי נתן האט געזאגט: "ברוך השם, מיר מיט אונזער תם'ס משקה קענען מיר נישט זיין שיכור!"**[יא]**. דעם**

---

[ט] עי' שיש"ק ח"ג (חדש) ר"נ-רנ"ב.

[י] עי' "אבניה ברזל" שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת, אות ט': פעם אחת דיבר מוהרנ"ת מענין הקיבוצים של יין שרף, שההתחלה היתה מחמת שראו אז הצדיקים שטוב להתקבץ יחד כדי לדבר דיבורים טובים ובפרט מדיבורי הבעל שם טוב זכותו יגן עלינו שהאיר אז בעולם. ועל זה הכרחו לָשבת על מעט יין שרף כדי שעל־ידי זה יהיה קיבוץ. אבל אחר־כך נתמעטו הלבבות ונתרבו התאוות ונשארו רק על היין שרף לבדו. על־כן רבינו זצוק"ל ראה את זאת ודחה זאת לגמרי. ופעם אחת אמר רבינו זצוק"ל **איך קאן שוין נישט פערטראגין** (פארליידען) **זייערע פראזניקיס** (איני יכול לשאת כבר את החגיגות שלהם). ואצל רבינו זצוק"ל היה רק קיבוץ של תורה ותפילה ושיחה מהתכלית לבד, וזאת היה נראה למוהרנ"ת זצוק"ל מאד. **אך אחר־כך בימי הר' נחמן טולטשינער התחילו להנהיג לשתות תה** ואמר הר' נחמן זה הוא מנהג יפה, שלא ישתכרו על־ידי־זה ויוכלו לדבר על־ידי־זה דיבורים טובים מהתכלית.

[יא] ע"פ מעשה ט' בסיפורי מעשיות 'מעשה מחכם ותם', עיי"ש שהתם'ס משקה היה מים לבד. גם עי' בעלים לתרופה במכתב ממוצאי שבת שירה אור ליום א' תקצ"ה, וזל"ש: "**ובחסדו יתברך בטחתי שלא אהיה שיכור חס ושלום מהמים שאני שותה בכל יום, וכל הפוסל במומו פוסל, ודי למבין. האמת שאנחנו מרגישים יותר צרות ישראל שנאמר עליהם 'שכורת ולא מיין', וכתיב 'יחוגו ינועו כשיכור' וכו'**".

תמ'ס משקה איז וואסער - דער ביר איז וואסער, מעד איז וואסער. "מיר וועלן קיינמאל נישט זיין שיכור".

אמאל שמחת תורה האט ר' נחמן טולטשינער געטרונקען אביסל צו פיל, איז ער געפאלן רבי נתן'ען צו די פיס, ער האט אים געקושט די פיס: **"איר זענט אונז מחיה, איר דערקוויקט אונז!"** - ער האט ארויסגעגעבן (אהבתו למוהרנ"ת), און רבי נתן האט געשוויגן.

**צומארגנס האט רבי נתן אים געזאגט: "נחמן, גערענקסטו וואס דו האסט נעכטן געזאגט?" זאגט ער: "איך זאג היינט אויך אזוי". האט ער אים געזאגט: "דאס** (- שכרות) **איז** (נאר) **פורים".**

(ר' משה: ער האט געמיינט וועגן די דיבורים, אדער וועגן דאס טרינקען?) **ביידע. דער רבי זאגט** דאך אין תורה ע"ד: "'שמחת תורה' איז 'דיבור בדיעה'". "דיבור בדיעה" איז נישט מיט א טרונק[יב]. פורים איז "דיבור בלא דיעה", "לא ידע" - דער 'לא ידע' פון פורים איז א געוואלדיגע זאך. אבער שמחת תורה איז 'דיבור בדעה'.

(השואל: עס איז טאקע נישטא אזא זאך צו טרינקען שמחת תורה?) **ביי אונזערע לייט – נישט!**

(ר' משה: רבי אברהם ר' נחמן'ס שרייבט בפירוש, אז שמחת תורה זאל מען נישט טרינקען - אין "כוכבי אור"[יג]!) 'שמחת תורה' איז 'דיבור בדיעה' - דעמאלט איז 'יָדע', נישט קיין 'לא יָדע'.

---

[יב] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תק"ד.

[יג] ששון ושמחה, אות א', ושם בא"ד: "כי מאד צריכין ליזהר למעט בשתיית משקין המשכרין בכל האפשרות גם בשבת ויום טוב, [**ואפילו בשמחת תורה**, (מלבד בפורים שאז מצוה לקיים את המאמר חז"ל שחייב איניש לבסומי וכו' כפשוטו [כן שמעתי מאבי הכ"מ בשם אדמו"ר ז"ל ובשם שאר צדיקי אמת שלא כדעת המפרשים בזה בענין אחר]). ולא כטועים בזה] ומכל שכן וכל שכן בימי החול כי לא על שמחה כזאת הזהיר אותנו אדמו"ר ז"ל כי על זה נאמר, "ולשמחה מה זו עושה", כי אין זה שמחה רק הוללות וסכלות".

(ר' משה: עס איז געווען וואס האבן מיר געזאגט היינט אינדערפרי - עס איז רבי אברהם ר' נחמן'ס יארצייט און איך ברענג נישט קיין בראנפן?!) דא אין שול איז ברוך השם געווען א פלאש מיץ ענבים, האב איך אויך געקענט געבן א לעק...

(ר' משה: א סעודה האט מען קיינמאל נישט געמאכט?) איך האב עפעס איינמאל געמאכט דא אין ירושלים.

(ר' משה: אין אמעריקע מאכט מען - ר' הערשל וואסילסקי און ר' יצחק מענדל ראטענבערג!) איך האב איינמאל געמאכט א סעודה - מער נישט, נאך דעם האב איך אפגעהאקט. איך האב געוואוסט אז רבי אברהם ר' נחמן'ס – א איד וואס ביי אים איז געווען דער עיקר "חצות!" דער רצון פון דעם צדיק איז נישט געווען מען זאל מאכן סעודה'לעך...

(ר' משה: אז מען פארברענגט און עס קומען זיך צוזאמען ברסלב'ער חסידים איז אן התעוררות תשובה, בפרט חנוכה איז דאך א זמן פון שמחה, מען פלעגט זיך נישט צוזאמענקומען זינגען 'מעוז צור'?) 'זאת חנוכה' האט מען פארבראכט ביי ר' שמשון'ען אין שטוב. רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אויך אמאל געזעצן דארט ביי ר' שמשון'ען 'זאת חנוכה'.

❖

רבי אברהם איז נפטר געווארן - און ר' געצע איז נפטר געווארן שביעי-של-פסח דעם אייגענעם יאר, תרע"ח. ר' געצע איז געווען אביסל נישט קשה נאך רבי אברהם'ס הסתלקות. ער האט געזאגט, אז בשעת ער איז אריינגעקומען צו רבי אברהם ר' נחמן'ס פאר דער פטירה, האט ער געגעבן דער האנט פאר רבי אברהם ר' נחמן'ס - האט ער נישט אפגעלאזט. האט ר' געצע געזאגט: "ער האט מורא". און ער איז טאקע באלד נפטר געווארן, שביעי של פסח[יד].

❖

[יד] עי' גם לקמן

# דער גן עדן אליין!

(ר' חיים שלמה: רבי נתן האט געזאגט: "דער של"ה הקדוש איז דער פאלווארק - און מיין ספר (ליקוטי הלכות) איז דעם אויבערשטנ'ס גן עדן!" - אזוי איז דער לשון?) **מען האט געהערט פון צדיקים, אז דער "של"ה הקדוש" איז דעם אויבערשטנ'ס "פאלווארק"! אזוי פלעגט זאגן די וועלט אויף דעם "של"ה הקדוש", אז עס איז דעם אויבערשטנ'ס פאלווארק.**

(ר' משה: ווער האט געזאגט?) (ר' חיים שלמה: רבי נתן!) **די וועלט פלעגט זאגן אויפן של"ה הקדוש, אז עס איז דעם אויבערשטנ'ס פאָלוואַרק.** (השואל: וואס הייסט "פאלווארק"?) **"פארמעגן"**[טו]**. רבי נתן האט געזאגט: "מיין ספר"** - (ר' חיים שלמה: איז דעם אויבערשטנ'ס גן עדן!?) **"דער גן עדן אליין!"**[טז]

❖

(ר' חיים שלמה: דער רבי האט געזאגט: "היינט אז עס איז שוין דא מיין ספר, דארף מען שוין נישט קיין אנדער מוסר ספר"?[יז]) **אונזערע לייט פלעגן לערנען** (כל ספרי יראה) **- קוקן אין דעם ספר** (- זה וזה, אבל) **אז מען פלעגט זיך צונויף נעמען, פלעגט מען רעדן פון רבי'נס ספרים!** (און פארשטייט זיך, דערמאנט) **א מדרש, א זוהר.**

(ר' חיים שלמה: רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן פון אנדערע חסידישע ספרים אויך?) **פון אים האב איך נישט געהערט! פון רבי אברהם ר' נחמן'ס האט מען נאר געהערט זיך מעמיק זיין אינעם רבי'נס ספר! ער איז געווען א געוואלדיגער עַמקן!**

**עס איז א סאך מאל געווען, אז ער האט גערעדט און מען האט נישט געוואוסט וואס ער רעדט! ער האט זיך אזוי מעמיק געווען אין רבי'נס ספר - אזוי מעמיק**

---

[טו] על פי' "פאלווארק" עי' אוצר נחמני, אות מ"ג.

[טז] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תפ"ג. וכך הוא במקום אחר (בטייפ): **"די וועלט זאגט אויפן ספר 'של"ה הקדוש', אז דאס איז דעם אויבערשטנס פאלווארק, מיין ספר איז דעם אויבערשטנס גן עדן!".**

[יז] עי' חיי מוהר"ן, אות שמ"ו (כת"י): **"ומי שעוסק בזה הספר אין צריך עוד ספר מוסר אחר!"** כך אמר בפירוש.

געוועזן, ממש אז מען האט נישט געקענט וויסן וואס ער זאגט, ער האט זיך צעפלאמט!

❖

## מדינת קיר"ה

(ר' חיים שלמה: ער פלעגט רעדן וועגן די חולקים, מתנגדים?) **כמעט נישט, ער האט גארנישט גערעדט. ער איז געגאנגען אויפן גאנג פונעם טאטן און פון רבי נתן'ען – ער האט נישט גערעדט.**

❖

(ר' חיים שלמה: עס איז דא א דיבור פון רבי'ן, אז ער האט געקענט מקרב זיין גאנץ אונגארן?) **רבי נתן ברענגט: "אז מען זאל וועגן נישט קריגן אויפן רבי'ן, וואלט דער רבי מקרב געוועזן דער גאנצער וועלט צום אויבערשטן!"**[יח]

**ער וואלט געוויזן פאר די גרויסע - אז זיי ווייסן גארנישט, און פאר די קליינע - אז דער אויבערשטער איז מיט זיי! - אט דאס איז זייער התקרבות: דער גרויסער וויל אז מען זאל אים ווייזן אז ער ווייסט נישט; און דעם קליינעם דארף מען ווייזן אז** (ה' עמך ואתך ואצלך!)[יט]**.**

---

[יח] עי' חיי מוהר"ן קט"ו, בא"ד, וזל"ש: "**ולולא שהתגבר הקטרוג על העולם עד שלא היה העולם כדאי לינק מאור כזה ועמד וגנזו, היה נתגלה גדולתו בעולם והיה מחזיר כל העולם אליו יתברך!**".

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ז': "ועיין לקמן (סימן ס"ח), שם מבואר גם כן ענין זה בביאור יותר קצת. **והכלל שהצדיק עיקר שלימותו, כשיש לו שני הבחינות הנ"ל, דהיינו שידע איך לדבר וללמד ולהאיר בכל אחד ואחד, בדרי מעלה ודרי מטה**, בעליונים ובתחתונים, בשמים ובארץ, שהם בחינת גדולים וקטנים. היינו שלהגדולים במעלה, בני עליה, בחינת דרי מעלה, צריך שיהיה כח להצדיק להראות להם ולגלות להם, שעדיין אינם יודעים כלל מהשם יתברך, בחינת: 'מה חמית מה פשפשת' וכו' וזה הלימוד וההשגה הוא צריך להאיר ולהכניס בהגדולים במעלה, שהם בחינת דרי מעלה. ולהיפך, יש בני אדם שמונחים במדריגה התחתונה מאד, עד שהיו מייאשין את עצמן לגמרי, חס ושלום, כי נדמה להם שהם

(ר' חיים שלמה: אבער דער רבי האט נישט גערעדט וועגן אונגארן?) אונגארן? דער רבי האט זיי משבח געווען אז זיי זענען אנשים פשוטים, זיי זענען מאמינים[כ]. "מדינת קיר"ה" איז אונגארן[כא]. דער רבי האט זיי משבח געווען אז זיי האבן אמונה פשוטה.

# שיחה פרשת בא (ח"ב) שנת תשל"ו

(טייפ מס' 129#)

## איך האב נישט געווארט ביז דעם טאג...

רבי נחמן רבי יצחק לייב'ס[כב] איז געווען דער בעל תפילה ביי מנחה, ערב ראש השנה (באומאן). ליגן ליגט ער אין יאַם - דארטן איז ער נסתלק געווארן. עס זענען אריינגעקומען די חברה קדישא צו אים פארן הסתלקות אז ער זאל האבן ווידוי. זאגט

רחוקים מאד מהשם יתברך, וכבר אבד נצחם ותוחלתם מה' צריך הצדיק שיהיה לו כח לעוררם ולהקיצם, שלא יהיו מייאשין עצמן בשום אופן בעולם, יהיה איך שיהיה, ולהראות להם ולהאיר בהם, כי עדיין ה' עמם ואצלם וקרוב להם, ואפילו בתוך הארץ ממש, אפילו אם נפל לשאול תחתיות, חס ושלום, אף על פי כן שם דייקא נמצא כבודו יתברך, כי "מלא כל הארץ כבודו" וזה בחינת כל, שיש להצדיק וכו', כנ"ל".

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ו: "**מה שמספרין מופתים מהצדיקים שבמדינות קיר"ה** (דווין), **הוא מחמת שאנשיהם הם אנשים כשרים ומאמינים בהצדיקים**", וכו' עיי"ש. גם עי' בחיי מוהר"ן אות תקל"ט: "**וסיפר מכמה אנשים ממדינת קיר"ה שרגילים מאד להרבות בנתינת פדיונות תמיד**".

[כא] הונגריה היתה חלק ממדינות הקיר"ה - הקיסר ירום הודו - של הממלכה האוסטרו-הונגרית שכללה גם את גליציה.

[כב] עי' אודותיהם בטעם זקנים קונטרס ס"ה.

**ער: "איך האב נישט געווארט אויף דעם טאג מיט קיין ווידוי, איך האב אלע טאג געהאט ווידוי!"**

(ר' נחמן בורשטיין: עס איז געווען קינדער פון רבי נחמן רבי יצחק לייב'ס?) **יא.** (ר' נחמן: זיי פלעגן פארן קיין אומאן אויף ראש השנה?) **זיינע קינדער זענען געוועזן דארטן אין רומעניע - קינדער, אייניקלעך. זיי פלעגן פארן פון יאַס.**

(ר' נחמן: וואס? רבי נחמן רבי יצחק לייב'ס האט דארטן געוואוינט?) **יא! אמאל איז געווען אזוי: אין רוסלאנד איז געווען דער ניקאליי ימ"ש - ער איז געווען א געוואלדיגער 'צורר היהודים', ער האט אנגעטוהן גרויסע צרות. און רומעניע איז געווען אפגעטיילט - אין רומעניע איז געווען אן אנדערער קיסר. און אז מען האט זיך אריבערגעכאפט איבערן גרעניץ, איז מען שוין געווען פריי. אסאך זענען אנטלאפן דארטן אהין-צו** (להציל עצמם מגזירת שירות בצבא).

**מיר האבן געהאט דארטן אסאך חסידים - ר' אורי**[כג] (פון יאס, תלמיד רבינו) **- און נאך איז געווען וואס זענען אנטלאפן אהין-צו דארטן**[כד]**.**

(ר' נחמן: ר' אורי איז געווען נאך אין די צייטן פון רבי'ן!) **אין די צייטן פון רבי'ן**[כה] **- און שפעטער. די קֵסָרים זענען געווען גרויסע רשעים אין רוסלאנד, א מלכות הרשעה רח"ל, נאר פיינט האבן אידן און רודפ'ן אידן - זענען זיי אנטלאפן פון דארט. האבן מיר געהאט דארטן חסידים.**

---

[כג] מוזכר באנשי מוהר"ן כ"ט, בשם "ר' עירא".

[כד] ביניהם, רבי נתן ב"ר לייבלי ראובנ'ס קודם שעלה לארה"ק.

[כה] בקשר שבינו לבין רביז"ל עי' בשיש"ק ח"ב, אות קל"ג; וח"ג, אות ק"ג.

דו געדענקסט דאך ר' חיים פולנאה'ער[כו], ער איז געקומען אויף ראש השנה (קיין ירושלים). איז א שטיק צייט איז ער געקומען אויף ראש השנה מיט אן אלטן אידן. האט ער (דער אלטער איד) געזאגט, אז ער איז רבי נתן ר' לייבעלע ראובן'ס אן אייניקל.

(ר' נחמן: וואו? דאהי, צו אין אומאן?) **ער איז געקומען אויף ראש השנה דא.**

(ר' נחמן: ער האט געברענגט אן אלטן אידן וואס איז געווען זיין אייניקל?) **ער איז עטליכע יאר געקומען אויף ראש השנה. ער האט ארויסגעוויזן – ווער, וואס** ( - ווי אזוי ער איז אן אייניקל). **איך זעה טאקע אין די בריוו[כז] אז ער האט ריכטיג געזאגט. אן אלטער איד שוין, א זקן.**

(ר' נחמן: דא האט דאך רבי נתן ר' לייבעלע ראובן'ס נישט געהאט קיין קינדער, אלע זענען געווען אין חוץ לארץ!) **אוודאי אין חוץ לארץ, אבער ער איז** (שפעטער) **געקומען אהער-צו דא, נאר ער איז געווען פון רומעניע. האט ער געזאגט אז ער איז פון זיינע אייניקלעך. א וואוילער איד געווען. ר' חיים איז דא געשטארבן. און יענער** (איז נפטר געווארן) **דארטן אין "פרדס חנה".**

❖ ❖ ❖

## וכל נתיבותיה שלום

**דער יושר איז, אז מיר שטייען ביים רבי'ן, זאלן מיר זיך צורירן און עפעס אביסל נעמען מערער, מער אריינגיין אינעווייניג אריין. עס איז זייער גוט די זאך** (- ענין רביז"ל), **און דער עיקר איז, עס גיט אריין דעם מענטש א נקודה פון אמת, און אז מען זאל זיך ציען צום אמת - און דאס איז דער עיקר!**

---

כו בין ה 27 שנשלחו בתרצ"ח אל הבלתי נודע ומהיחידים שנותרו בחיים. דר בא"י. (גידוה"נ)

כז במכתבי רבי נתן ב"ר יהודה.

דער עיקר נחת רוח למעלה - זאגט דער רבי - אויבן גלוסט מען נאר צום אמת![כח] וואס עס איז דא אין א מענטשן מער אמת, האט עס מער א חשיבות למעלה! דא (אצל רבינו) איז דער "פלטין של אמת"[כט]. וואס מען רעדט צום אויבערשטן מער דיבורים, קען אין דעם מענטש אריינגיין מער נקודות פון אמת! ממילא האט עס שוין א חשיבות - זיין דאווענען, און אלעס.

אז דער אויבערשטער העלפט, מען גייט אין גאס און מען רעדט צום אויבערשטן א דיבור, איז דאך עס ממש א "דרך דקדושה" - איז דאך עס א געוואלד! און עס קען זיין חלילה פארקערט...

עס איז דא א זוהר הקדוש[ל] – "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום"[לא] - זאגט דער זוהר: עס איז דא א "דרך", און עס איז דא א "נתיב". ("דרך") דאס איז 'נועם', און עס איז דא 'שלום'. עס איז א געוואלד! דרך! נתיב! עס איז דא א "דרך" - (דהיינו) עס איז שוין אויסגעטראָטן. און עס איז דא א "נתיב", נאר א שטעשקעלע (- שביל צר).

אז איך גיי אין גאס, איז עס נאך נישט אזא מין דרך כבושה. אבער אז איך גיי און איך טראכט ווי מען דארף טראכטן, איז דאס א וועג פון נעימה! עס איז א וועג פון שלום![לב]

---

[כח] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ט', אות ג': "**ודע, שהכל לפי גודל האמת**, כי עיקר האור הוא הקדוש ברוך הוא, והקדוש ברוך הוא הוא עצם האמת, **ועיקר השתוקקות של השם יתברך אינו אלא אל האמת**".

[כט] עי' עלים לתרופה יום ו' ויגש שנת תקפ"ו: "אם תרצה נקודת האמת, אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה, **תבקש האמת בהפלטין של אמת, הנבנה על ידי אנשי־אמת, על ידי בעל אמת**, אז תבין יראת ה' ודעת אלקים תמצא. ובוודאי אתה יודע ומבין את אשר אני מרמז לך, כי ענין הפלטין של אמת מבואר מעט בסוף הסיפורי מעשיות, אך באמת אין אתה יודע כלום...".

[ל] עי' מקץ קצז:

[לא] משלי ג, יז.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ז; ובליקוטי הלכות הל' העושה שליח לגבות חובו ה"ג, אות י"ג.

מיט איין גוטן רעיון קען עס א מענטש מאכן פאר נעימות - ער מאכט עס פאר שלום. און חלילה פארקערט - -

(אמור לעצמך:) 'פארוואס זאל איך זיין אזא מין אכזר אויף זיך?!' איך קען דא מיט א קלייניקייט – איך דארף נישט אויסגעבן קיין וועלט, איך דארף נישט מאכן קיין נסיעות, נאר דא וואו איך בין – אז מען קניפט צו דעם געדאנק אויף א גוטער זאך, ביסטו שוין אויף א גוטן וועג, דו ביסט שוין אין א וועג פון 'נעימות' און פון 'שלום', דו ביסט שוין מקושר צום אויבערשטן! מיט איין רעיון!

## גופא בתר רישא גרירא

**דער רבי זאגט דאך[לג]: "דארטן וואו דער שכל טראכט, דארט איז דער גאנצער מענטש!"[לד]**

אט דעם ווארט פונעם רבי'ן ווערט ביי אונז אלט. דער דיבור אליין איז א תורה אין ליקוטי מוהר"ן: "במקום שחושב השכל, שם כל האדם" - דאס וואס דער שכל טראכט, דארט איז דער גאנצער מענטש! - אט דער דיבור איז דאך א געוואלדיגער דיבור אויף ווי (ווייט) איך דארף האלטן די מחשבה חשוב! וואו איך גיב א טראכט, דארטן בין איך אינגאנצן! דארטן בין איך! גיב איך א טראכט פונעם אויבערשטן, בין איך דאך דארטן! און חלילה אז מען גיט א טראכט (אחרת), בין איך דאך דארטן.

מיט יעדן דיבור פונעם רבי'ן קען מען דאך מיט דעם אפלעבן א חיים טובים - א געוואלד! און מען דארף טאקע דעם דיבור אויסרעדן פארן אויבערשטן: "דער רבי

---

[לג] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א: "כי עיקר האדם הוא השכל, ועל כן **במקום שחושב השכל, שם כל האדם**. וכשיודע ומשיג בידיעת השם יתברך, הוא שם ממש, וכל מה שיודע יותר, הוא נכלל יותר בהשורש, דהיינו בו יתברך".

[לד] עי' בספה"ק "דגל מחנה אפרים" פר' שמות ד"ה 'ותעל', וז"ל: **"ידוע מאא"ז זללה"ה כי במקום שמחשבתו של אדם שם הוא כולו, וכן הוא בדיבור ובמעשה באיזה מדריגה ובאיזה עילה שהוא שם, שם הוא קשור כולו בזה העולם, ובמעשה היינו שכשהוא קשור בטבעיות ולא הגיע לאמונת אלקות אז גורם בגופו גם כן עבודות טבעיות, כיון שעוסק בדברים טבעיים הוא קשור כולו בטבע"**, וכו' ע"ש.

זאגט דאך דא אזוי - אז וואו איך גיב א טראכט, דארטן בין איך אינגאנצן - פארוואס זאל איך דיך אפלאזן? איך גיי זיין מיט דיר אינגאנצן!".

דערפאר זענען טאקע געווארן די גרויסע מענטשן, די הייליגע מענטשן, זיי זענען נאר געווארן דערפון ווייל זיי האבן אנגעהויבן צו היטן דעם מוח, זיי האבן געהיט דעם געדאנק - ממילא דאס האט שוין געשלעפט. אז דער געדאנק איז אזוי הייליג, אז דער געדאנק איז אזוי גרויס - און ער לאזט דאס נישט אפ, ממילא האט ער דאך שוין געשלעפט אויך אנדערע זאכן[לה].

אז דארטן וואו ער טראכט, דארטן איז ער, דאס שלעפט דאך אים שוין צו אנדערע זאכן אויך. אז ער איז דארטן - אז ער טראכט פונעם אויבערשטן, איז ער דארטן. און דאס שלעפט אים שוין צו אנדערע זאכן אויך, דאס מאכט אים שוין פאר (א גרויסער מענטש). און חלילה פארקערט ווייטער - שלעפט דאס אים צו ווייטער.

די גרויסע הלכה - תפילת המנחה הלכה ז' - אויף תורה מ"ט, רעדט רבי נתן א געוואלד וועגן מחשבות, וואס די מחשבה איז[לו].

עס שטייט אין זוהר הקדוש[לז], אז "מחשב"ה" מאכט, "בשמח"ה". דאכט זיך, אין תיקונים שטייט עס. וואס איז מחשבה? זאגט דער רבי[לח]: "חשו"ב מ"ה" - דו זאלסט טראכטן פון דעם אויבערשטן. מ"ה איז דער אויבערשטער, דער שם הוי"ה במילוי אלפין - באטרעפט מ"ה. 'חשוב מה' - טראכט פונעם אויבערשטן. און מחשב"ה מאכט בשמח"ה. עס איז א געוואלד וואס א מענטש קען זוכה זיין דורך א גוטן געדאנק, און דאס איז דער עיקר מענטש אינגאנצן!

---

[לה] עי' בספה"ק דגל מחנה אפרים פר' מסעי, וזל"ש: "**ובמקום שמחשבתו של אדם שם הוא כולו, אף שבעצם אינו עומד במקום מחשבתו עם כל זה 'גופא בתר רישא גרירא'** (עירובין מא.)", וכו' עיי"ש,

[לו] עיי"ש באות צ"א מה שמבאר בענין "כולא במחשבה איתבררו".

[לז] תיקון כ"ב, דף ס"ז ע"א.

[לח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא פ"ב, בסופו.

דער תכלית פון אלעם איז, אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן - דער מח זאל זיין מקושר צום אויבערשטן! א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט - וואס בלייבט איבער פון די אלע עבודות? ער האט א שענערן מוח![לט] איז אוודאי דארף מען זיך פארלייגן דערויף. אזוי ווי דער בעל דבר פארלייגט זיך אויף דער זאך צוצונעמען ביי א מענטשן דעם געדאנק - און דאס איז אינגאנצן זיין געווינס - דאס זעלבע פארקערט, מען דארף זעהן צוצוהאלטן דעם געדאנק - דערפון ווערט שוין אלצדינג.

דער תכלית פון אלצדינג איז, אז דער מוח זאל זיין! דער תכלית פון דער עבודה, דער תכלית פון דאווענען און פון לערנען און פון אלע זאכענישן איז, אז דער מוח זאל זיין ביי מיר א מוח מקושר צום אויבערשטן! און טאמער איז דאס נישט, האט נאך נישט קיין שלימות די אלע זאכן. דער מענטש דארף זיך ציען דערצו, דאס דארף ער וועלן, און אויף דער זאך דארף ער זיך פארלייגן.

ווארום ער (הבעל דבר) פארלייגט זיך אויף דער זאך - מיר אפצורייסן און פארפאטשקעווען דעם מוח מיט אנדערע געדאנקען. דארף איך זיך פארלייגן אויף דער זאך מיט עקשנות. און מען דארף גלויבן - אז מען פארלייגט זיך, העלפט דער אויבערשטער[מ] - זאל דער אויבערשטער העלפן! אז דאס איז אינגאנצן דער מענטש, פארשטייט מען אז ער לאזט דאס נישט צו.

---

[לט] עי' ליקוטי עצות, ערך 'מחשבות והרהורים' אות ג': **"עיקר התשובה ותיקון על כל העוונות, כשמתגבר לגרש כל המחשבות חיצוניות מדעתו ושכלו**. כי השכל הוא הנשמה, וכשמקדש שכלו, היינו נשמתו, על ידי זה מגביה ומשיב הכל לשרשו וזה עיקר התשובה" (ע"פ תורה ל"ה, אות א'). גם עיי"ש באות ה': **"כל תיקון האדם וקלקולו, חס ושלום, הכל תלוי במחשבה שבלב**, כי **עיקר** היצרין הם המחשבות והחכמות שבלב, כי מחשבות טובות הם יצר טוב ומחשבות רעות הם יצר הרע" (ע"פ תורה מ"ט, אות א').

[מ] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' נ"א: "היצר הרע נוקש באדם בכל פעם ומעוררו למה שמעוררו. ואף אם אין האדם שומע לו ופונה עורף ממנו, אף על פי כן הוא נוקש בו עוד פעם שני ושלישי ורביעי ויותר. אבל **אם האדם הוא חזק בדעתו ועקשן נגד היצר הרע, ואינו פונה אליו כלל, אזי היצר הרע מסתלק והולך לו. וכן בתפילה, בענין המחשבות הבאים לבלבל, הוא ממש כנ"ל, שהמחשבה באה כמה פעמים, פעם אחר פעם, לבלבל. וצריך להיות חזק לבלי להסתכל עליה כלל בשום אופן, ואזי תסתלק**. ועין במקום אחר מזה".

פארשטייט מען, אז די מעשה ברענגט דערצו; אָן מעשה וועט ער נישט קענען בשום אופן קומען דערצו. ווי קען מען קומען דערצו אז מען זאל האבן א מוח צום אויבערשטן? מרוב מעשה - תפילה מיט תורה, מצוות ומעשים טובים[מא]. אבער דער מענטש דארף וויסן, אז זיין תכלית איז אז דער מוח זאל ווערן שענער. פון די אלע זאכן וואס ער טוהט, דארף דאס אלץ ארייננעבן אין מוח אז דער מח זאל ווערן ביי אים שענער! און אז מען גיט זיך א רייס אפ, זאל מען זיך שוין כאפן קריק.

❖ ❖ ❖

## מקורב געווארן צו א אינגל

(ר' נחמן: ביי רבי נתן'ס הסתלקות האט נאך ר' חייקל געלעבט?) ר' חייקל? איך ווייס נישט, דאס קען מען נישט וויסן – איך ווייס נישט. ר' חייקל האט נאכדעם געוואוינט אין קראַקאָוו (על-יד קרימענטשוק), דארטן האבן געוואוינט די קינדער זיינע. ער האט געהאט אייניקלעך אין טעפליק. איינער האט געהייסן חייקל, א שמש אין בית מדרש.

(ר' נחמן: איר האט אים געקענט?) יא. ער איז געווען א שמש אין בית מדרש אין טעפליק. (ר' נחמן: אין אונזער בית מדרש דארט?) ניין, אין די שטאטישע. זיי האבן געזאגט, אז ער איז אַן אייניקל פון ר' חייקל'ען דעם רבי'נס מענטש.

(ר' נחמן: ער האט געהאט א זון ר' לייב?) ער האט געהאט עטליכע קינדער. די קינדער האבן געוואוינט אין קראקאוו.

(ר' נחמן: רבי נתן שרייבט אין ימי מוהרנ"ת (ח"ב, אות מ"ד): "וליוה אותי רבי לייב בן ר' חייקל ושאר בני הנעורים"! מען ווייסט אז ער איז געווען עלטער פון רבי נתן'ען אסאך – ר' חייקל?) ווייזן ווייזט אויס, אז יא. ער איז דאך נאך געווען פון די ערשטע מקורבים פון מעדוועדיווקע.

---

[מא] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, שעיקר כסילות השכל נמשך מעכירות כלי המעשה, עיי"ש.

(ר' נחמן: און עלטער פון רבי'ן איז ער נישט געווען?) **איך קען נישט וויסן, עס קען זיין אפשר יא, איך וויים?!**

**רבי יודל איז געווען עלטער פון רבי'ן מיט זעכצן-זיבעצן יאר.**

(ר' נחמן: און רבי אהרן דער רב?) **רבי אהרן דער רב – נישט. וויל רבי אהרן דער רב איז נפטר געווארן אין דעם אייגענעם יאר מיט רבי נתן'ען. רבי נתן איז נפטר געווארן, עשרה בטבת** (תר"ה)**, און רבי אהרן דער רב דאס אייגענע יאר, ראש חודש אב – אין דעם זעלביגן יאר.**

**רבי אהרן דער רב איז געווען עלטער פון רבי נתן'ען מיט פינעף יאר. ממילא איז ער דאך געווען יונגער פונעם רבי'ן מיט דריי יאר. און רבי נפתלי איז אויך געווען יונגער פונעם רבי'ן. רבי נפתלי און רבי נתן זענען ביידע געבוירן געווארן, תק"מ.**

**ווייטער זענען אלע געווען עלטער – רבי יודל, רבי שמואל אייזיק, רבי בער.**

(ר' נחמן: ר' שמעון'לע איז געווען עלטער פון רבי'ן?) **קען זיין – וויל ער איז נאך מקורב געווארן נאך פאר** (אלעמען[מב])**.**

(ר' נחמן: ער איז שוין געווען א יונגערמאן!) **אויב א יונגערמאן, קען זיין איז ער געווען עלטער פונעם רבי'ן.**

**ער האט א זאג געגעבן: "איך האב אוועקגעווארפן אלע גוטע אידן, און איך האב זיך מקרב געווען צו אַן אינגל!"**[מג]**. ווייזט אוים, אז ער איז געווען עלטער פונעם רבי'ן.**

❖

[מב] עי' חיי מוהר"ן ק"ה-ק"ו.

[מג] עי' שיש"ק ח"ב, אות תש"ח.

# א חזן אמאל

דער רבי האט געזאגט צו ר' חייקל'ען: "דו װעסט זײן אזוי א חידוש אין דײן זאך אזוי װי איך אין מײן זאך!"[מד]. עס איז געװען בײ אים אן אנדער יצר הרע. דער רבי האט דאך אים אזוי גרױס (געזאגט), ער איז א הויכער מענטש געװען.

(ר' נחמן: װאס האט דער רבי געװאלט – אז ער זאל זיך אײנגאנצן ארױסציען?) יא, ער זאל װערן א מקבל, א חזן, דאס זאל זײן זײן פרנסה - מער נישט.

אמאל, װאס איז געװען א חזן? - איך בין געװען דארטן א חזן בײ די שלעפערס (- ארעמעלײט), איך האב זײ גערארפט צוצאלן... אבער ר' אברהם (שטערנהארץ) איז געװען א חזן אין טשעהרין, א רײכער בית מדרש, עס איז געװען גבירים, איז דארטן איז עס געװען א גוטע פרנסה.

א חזן - האט מען געװאוסט, אז עס קומט דארטן חנוכה - יעדער באלעבאס האט געגעבן דעם חזן "חנוכה געלט". דער חזן איז געגאנגען (ר' נחמן: דער חזן האט גערארפט ארומגײן בײ אלעמען?) יא, ער איז ארײנגעגאנגען, און מען האט אים מכבד געװען מיט משקה אזוי, און מען האט אים מהנה געװען (מיט א נתינה).

עס איז געװען אזעלכע װאס האבן געקענט לעבן פון חנוכה געלט א האלב יאר! מען האט אים געגעבן שײן. אז עס איז געװען פורים, האט יעדער אײנער געשיקט דעם חזן משלוח מנות און ארײנגעלײגט געלט; אין דעם משלוח מנות איז געליגן געלט אויך. און אז עס איז געקומען פסח, האט מען געגעבן "רגל געלט". שבועות איז געװען "רגל געלט". - עס איז געװען א שײנע פרנסה.

---

[מד] עי' שיח שרפי קודש ח"ה, אות ס"ח: רבינו אמר פעם לרבי חייקל: הייתי רוצה שתקבל על עצמך משרת החזנות, **ותהיה אתה חידוש בענין שלך כמו שאני חידוש בענין שלי**, **כי המשיך לו רבינו כח הנגינה משרשה.** ולא הסכים לזה רבי חייקל כי לא היה הדבר לפי כבודו שיתפרנס מתמיכתן של אחרים וכו' וכו'.

א חזן - אין א רייכער בית מדרש - האט ער געהאט, און אין אַן אָרעמען בית מדרש האט ער גארנישט געהאט. אזוי אויך – ביי א חתונה, א שמחה (הטיבו לו).

(ר' נחמן: ביי יעדער חופה – דער חזן!) דארטן די רבנים פלעגן גארנישט גיין - זיי פלעגן שיקן דעם חזן. (ר' נחמן: ווער האט מסדר קידושין געווען?) דער חזן - אליך דער חזן, אוודאי.

איך פלעג אויך אסאך מאל מסדר קידושין זיין. דער אומאנער רב - רבי שלום (מלמד) פלעגט מיר שיקן. נאר איך אָן אים בין איך נישט געגאנגען. אז ער האט מיר געשיקט, האב איך אים געוויזן דער כתובה - און ער האט די כתובה איבערגעקוקט. אמאל האט ער געהייסן מאכן דארטן א שינוי אין דער כתובה - ער האט שוין פריער אויסגעפארשט אלעס.

(ר' נחמן: און דער חזן האט געדארפט אויסזינגען אלע שטיקלעך?) אלע שטיקלעך – אלעס. נאכדעם איז דער חזן געקומען ביי דער סעודה - און יעדן איינעם געמאכט א "מי שברך", און יעדער איינער האט ארויסגענומען א שיינע מטבע און געגעבן דעם חזן - נישט נאר די מחותנים, נאר די אלע וואס זענען געזעצן און האבן זיך געוואשן - יעדן איינעם געמאכט א "מי שברך".

עס איז נאך געווען איינגעפירט אז מען זאל מאכן א "מי שברך" פאר דער רעביצין אויך (כל אחד לנוות ביתו), האט ער געמאכט א מי שברך פאר איר - און ער האט געצאלט פאר איר אויך. און ביי א ברית איז אויך געווען דאס אייגענע. און ביי א תנאים אויך דאס אייגענע. עס איז געווען א פארמעג - א חזן.

נו, איך בין געווען א חזן אין אומאן אין אונזער שול, ארעמעלייט, שלעפערס, זיי האבן אליין נישט געהאט, ביי א חתונה האט מען געדארפט נאך זיי צוטראגן... ר' אברהם (שטערנהארץ) איז געקומען טאקע קיין אומאן, האט ער דאס געזעהן – (ותמה:) וואס איז דא? אַן ארעמקייט - איי איי!

(ר׳ נחמן: איז וואס האט ר׳ חייקל געטוהן?) דער רבי האט געוואלט אז ר׳ חייקל זאל גארנישט טוהן. א חזן איז געווען א מעלה, ער האט געקענט זיצן - דאווענען און לערנען און דינען דעם אויבערשטן, ער האט נישט געהאט קיין שום זאך. פארשטייסט? אז ער האט זיך פארדונגען מיט חזנות, האט ער אויך געקענט האבן פרנסה. אויב ער האט געהאט נישט קיין ארעמער שול - אז ער האט געהאט דארטן א שול פון בעלי בתים, האט ער געקענט האבן פרנסה. דער חזן וואס איז געזעצן - געדאוונט און געלערנט, פלעגט מען אים תומך זיין. ער איז נישט געווען קיין גביר, אבער ער האט געקענט האבן פרנסה. און ר׳ חייקל האט דאס נישט געוואלט.

(ר׳ נחמן: נו וואס האט ער געטוהן?) ער איז געווען א סוחר, ער האט געהאנדלט. און רבי נתן נאכן רבי׳נס הסתלקות - עס איז אויסגעקומען שבת חנוכה – חנוכה צייט (שהתוועדו יחד), האט ער נאך געמאכט מיט א געלעכטער: "אה, דער רבי האט דאך געוואלט איך זאל זיין א חזן, וואלט איך דאך איצטער געדארפט גיין מיט א לאמטערנע – ארומגיין" (- כדרך החזנים שמחזרים על הפתחים לגבות "חנוכה געלט"). האט רבי נתן געזאגט צו אים: "נאך אלץ האסטו נישט קיין חרטה וואס דו האסט נישט געפאלגט דעם רבי׳ן??!".

❖

## געזעהן דעם רוח הקודש פונעם רבי׳ן

(ר׳ חיים שלמה: ר׳ חייקל איז געווען ביי רבי מרדכי׳לע טשערנאבלער?) איינמאל איז ער געווען אויף ראש השנה.

(ר׳ חיים שלמה: ער איז נישט געקומען אויף אומאן?) איינמאל איז ער געווען ביי רבי מאטעל׳ען – מער נישט. רבי מאטעלע האט אים מכבד געווען, ער האט אים געגעבן א שטאט (א זיץ) אונטערן שטול. אויב מען האט געגעבן אונטערן שטול פונעם רבי׳ן, איז עס געווען א גרויסער כיבוד.

אז רבי מאטעלע האט געענדיגט דעם טיש ראש השנה אויף דער נאכט, האט ער (ר' חייקל) געגעבן א קרעכץ. א חזן גיט א קרעכץ – א חזָנ'ישער קרעכץ אזוי... האט ער אים געזאגט: "וואס קרעכצט איר?". זאגט ער: "איך האב זיך דערמאנט אינעם רבי'נס ראש השנה!". האט ער גוט געהארכט; דאס איז מיט אנדערעווערטער גערעדט...

האט ער אים געזאגט: "נו, אזוי? זאג א ניגון פון אייער רבי'ן!" האט ער געזונגען דעם "אשת חיל". דארטן (אינעם אשת חיל) ליגט גוטע מאטריאל... א חזן - און ער איז געווען צעבראכן פון דעם רבי'נס ראש השנה, האט ער איינגעלייגט (- אראפגעלייגט) אזוי גוט דעם אשת חיל. אזוי האט מיר דערציילט ר' מרדכי באבריניצער, ער האט עס געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, אז ער האט זיך אנגערופן: "אין דעם ניגון זעה איך דעם רוח הקודש פון אייער רבי'ן!" – אזוי האט געזאגט רבי מאטעלע צו ר' חייקל'ען.

❖

## אט דאס איז א חסיד!

(ר' נחמן: ער האט נישט דעמאלט געזאגט אז "אט דאס איז אן אמת'ער חסיד"?) ניין! אן אמת'ער חסיד איז געווען ביי אן אנדערע מעשה: בשעת דער רבי האט געשיקט רבי נתן מיט רבי נפתלי'ען צום באררדיטשובער רב אויף א שבת[מה] – דעמאלט האט ער (דער באררדיטשובער רב) דאס געזאגט: "אט דאס איז א חסיד!".

(ר' נחמן: איר האט געהערט די מעשה פון ר' מרדכי באבריניצער?) יא. (ר' נחמן: און ר' מרדכי באבריניצער האט דאס געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס?) איך ווייס פון אים גלייך ווי פון רבי אברהם ר' נחמן'ס. רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זיין אסאך אין באבריניץ, ער האט געהאט דארטן א שוועסטער. דארטן (אין באבריניץ) האט ער געהאט זייער א הרחבת הדעת, מען האט זיך מיט אים זייער אפגעהיט, מען האט געהאלטן זייער פון אים.

[מה] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות תקע"ד.

ער האט געקענט דארטן זיין א שטיקל צייט און טוהן זיין עבודה, זיין התבודדות. און ער האט געהאט דארטן פאר וועמען צו רעדן – צו די וואס ווילן הערן.

(ר' נחמן: ער איז געווען א בר הבנה אין דעם רבי'נס זאך אויך – דער ר' מרדכי באבריניצער?) יא! וואס דען? אן עובד – ער איז געווען אן עובד. ער האט געהאט א הבנה אין א דיבור הָא הָא הָא – אזעלכע חסידים זעהט מען היינט נישט. ער איז געווען מיינער אן אורח (ראש השנה). ער פלעגט דאווענען דארטן - ער האט זיך אויסגעוויינט ביי שמונה עשרה.

❖ ❖ ❖

## דער בשותפות'דיגער הסכם

(חסרה התחלת הסיפור) און דארטן[מ] איז ער (ר' מרדכי) איינגעשטאנען ביי א אידן אויף שבת. דער איד איז געווען עפעס אן ארעמער איד, און דארט איז נישט געווען קיין לחם משנה – נאר א שטיקל שווארצע ברויט איז געווען. זאגט ער (- ר' מרדכי): "האב איך געטראכט: ווען מיין ישראל זאל זעהן דעם שבת וואס איך האב דא, וואלט ער מיר גוט אויסגעלאכט!".

און דעמאלט האט ער געבראכט עטליכע בחורים קיין אומאן! (ר' נחמן: אויף ראש השנה האט ער זיי געבראכט?) יא, אויף ראש השנה האט ער זיי געבראכט.

---

[מ] עי' תוכן הסיפור בשיש"ק ח"ה, אות רמ"ג: "נודע פעם לרבי מרדכי באבריניצער ז"ל שבקיוב נמצאים כמה בחורים הצריכים חיזוק ואפשר לדבר על לבם להתקרב להשם יתברך. לא הרהר הרבה ונסע לקיוב ושָבת עמהם שבת אחת, והיתה לו שבת קשה מאד, שלא היה לו מה לאכל רק לחם שחור ללא לחם משנה וללא דגים וכו', והיתה לו עגמת נפש רבה מאד משבת זה, מה גם שבין הבחורים היה גם בחור חפשי אחד שבכל עת אכילתם ודיבורם שָרק שריקות לעצמו כדי להפריע לו בדיבוריו הנלהבים. והרהר רבי מרדכי לנפשו ואמר: **אילו ידעו בני איזה שבת יש לי פה בקיוב לא היו נותנים לי כלל לנסוע והיו מלעיגים עלי**, כי הוא היה בעל הבית חשוב ועשיר ובעל יכולת, ומעולם לא שבת שבת כזו, אבל הצליח בדבר ולראש השנה הביא עמו שני בחורים, ונתקרבו לאנשי שלומנו, ושאב מזה מלא חפניים שמחה ונחת עד שחשב ואמר לעצמו: "**היה כדאי!**"".

ער איז געווען א חסיד! אויף דער עלטער פלעגט ער ארויספארן שבתים דארטן - א שבת אין ברסלב, א שבת אין טשעהרין. אין טשעהרין - אָה האט ער זיי דערלאנגט... ער איז געווען א חסיד!

❖

איינמאל ערב ראש השנה ביים רבי'ן אויפן ציון, האט ער געזאגט צום רבי'ן: "רבי, איך נעם אייך צו פאר א שותף; וואס מיר וועלן פארדינען (וועט מען) האלב צעטיילן דיינע מענטשן, און האלב פאר מיר!" - ער האט געהאט אזא מין שטארקייט אזוי צו רעדן צום רבי'ן.

אז ער איז אהיים געקומען, איז געווארן א שפע! אזא מין שפע איז געווארן, אז ער האט געהאט א פאבריק פון זייף - דער ר' מרדכי באבריניצער, און מען האט געארבעט דארט פיר-און-צוואנציג שעה - און מען האט נישט געקענט גענוג צושטעלן דעם זייף...

און אנדערע סוחרים פון זייף זענען געשטאנען און גארנישט געלייזט. (ותמהו:) 'וואס איז דאס מיט דעם אידן?'. ער האט געהייסן (- שם משפחתו:) 'פרייטער'. (הם אמרו:) פרייטער - וואס איז דאס אים? אלע שטייען נאר לעבן אים, און ער האט געלייזט אזוי פיל - ממש א שפע איז געגאנגען, א שפע, א שפע!

ער האט דאך צוגעזאגט צו געבן האלב - און ער האט אזוי פיל געלט געדארפט געבן פון די האלב פון די רווחים, אז ער האט נישט געקענט בשום אופן שיקן דורך דער פאסט די געלט, ווארום מען האט נישט געטארט. דעמאלט ביי די קאמוניסטן - אזוי פיל געלט שיקן? ווי מעג מען שיקן אזוי פיל געלט? האט ער מיר געגעבן א טעלעגראם - איך זאל קומען צו פארן, און ער האט מיט מיר מיטגעשיקט די צדָקות. ער האט א גאנצן צעטל געמאכט (אופן חלוקת הכספים). א שול מיט ארעמעלייט - אלע זענען געווען ארעמעלייט, און עס איז געווען גענוג - אויף א צייט האבן אלע געהאט פרנסה!...

עס איז געווען מיט ישוב הדעת, ער איז געווען א סוחר... (והתנה) איך זאל נישט געבן מיט איינמאל די געלט, נאר אלע פרייטאג זאל איך געבן יעדן ארעמאן. איז געווען אויף א שטיקל צייט וואס אלע האבן געהאט דערפון פרנסה. און ווען דאס האט זיך געענדיגט, האט ער נאכאמאל געגעבן אזא פעקל, נאכאמאל צו פארטיילן, נאכאמאל געבן - ער האט ווידער אזוי געטוהן.

אזוי פיל פאפיר (געלט איז דאס געווען), אז איך האב זיך געדארפט ארומגארטלען (עם שטרות הכסף), איך בין אזוי גראב געווארן פון די פאפירן - שווערע טויזענטערס, א געוואלד, א פארמעג.

ער האט געמאכט דעם רבי'ן פאר א שותף, איז געגאנגען א שפע...

איך בין געווען דארטן ביי אים, און די זייף פלעגן קענען געבן א שפריץ פון דעם גרויסן קעסל. און אז עס האט געגעבן א פאל א פונק אויף דער האנט, האט ער זיך אפגעבריט. פלעגט ער מיר זאגן: "דו זעהסט עס איז פול מיט בריען? - דאס קענט איר טיילן אויף צדקה..." ער איז געוואלדיג געווען - פון די וואס דער רבי האט זיך בארימט מיט זיי!

## 'איך' זאל זאגן 'ניין'?

נאכדעם האבן שוין די קאמוניסטן זיך מיט אים צורעכנט מיט געוואלד. ער האט שוין נישט געקענט אזוי ארבעטן, מען האט שוין נישט געקענט אזוי פארדינען.

איך געדענק אז עס איז געקומען פאר פסח, איך בין דעמאלט געווען אין מקוה, איך האב זיך אפגעבריט. דער בעדער האט געדארפט אריינגיסן אַן עמער וואסער אין דער וואַנע, האט ער געגאסן (בטעות) אויף מיר... איך בין ממש אין א סכנה געווען, איך בין געלעגן אין שטוב א פארברענטער. אום פורים צייט איז עס געווען. א געוואלד איז דאס געווען, איך האב קוים געקענט גיין צו דער מגילה, הערן דער

מגילה. און עס גייט פאר פסח - די חברה דארפן האבן אויף פסח און עס איז נישטא. און איך ווייס אז ר' מרדכי - עס איז שוין נישט דער ר' מרדכי פון פריער.

(השואל: ער האט שוין געוואוינט אין אומאן?) ניין, ר' מרדכי האט נישט געוואוינט אין אומאן, ער האט נאך געוואוינט דעמאלט אין באבריניץ.

האב איך אים אוועקגעשריבן א בריוו: "עס קומט פסח - און די ארעמעלייט האבן נישט אויף פסח, מען מוז זעהן זיי זאלן האבן מצות, עס גייט דאך יו"ט".

ער האט באקומען דעם בריוו - האט ער דאס געוויזן דעם זון. ער האט געהאט א זון 'ישראל', ער איז געווען אביסל א מאדערנער, נאכדעם איז ער געווארן א חסיד און ער האט נאך איבערגעוואויגן דעם פאטער. זאגט דער זון, "שרייב צו לוי יצחק'ן" - זייער פארמעג איז געווען ביי מיר באגראבן אין דער ערד (מחמת הקאמוניסטן) - "ער זאל ארויסנעמען א הונדערטער "גאלד" און ער זאל געבן פאר די חברה אויף פסח". א הונדערטער "גאלד" - דאס איז היינט א פארמעג - איך ווייס? אפשר הונדערט טויזענט - איך ווייס אליין נישט וויפיל עס איז היינט - גאלד! שטיקער גאלד!

דאס האט מיר ר' מרדכי דערציילט: האב איך א זאג געגעבן צו מיין ישראל'ן: "איך האלט נאך נישט דערביי!". דאס הייסט, עס איז צופיל. זאגט ער, נאכדעם האב איך זיך אויסגעוויינט פארן אויבערשטן: 'מיין ישראל זאל זאגן "יא", זאל איך זאגן - "איך האלט נישט דערביי"?!'...

דער ענין פון התבודדות - ער האט זיך באלד באטראכט: "אז מיין ישראל זאל זאגן אז ער וויל דאס, און איך זאל זאגן 'איך האלט נישט דערביי'?! - איך האב זיך געשעמט". הכלל, ער האט מיר מודיע געווען דאס דאזיגע, אז עס איז שוין דא (געלט פאר פסח).

נאכדעם, דארטן (באומאן) איז נישט געווען קיין שמן אויף פסח צו באקומען. ער האט געהאט די זייף, פלעגט מען ארבעטן מיט שמן, האט ער געהאט אסאך פעסער

שמן. האב איך אים ווייטער געשריבן: "ברוך השם, זיי וועלן האבן מצות, זיי וועלן האבן קארטאפלעס, אבער קיין שמן איז נישטא".

האט ער גענומען - דער ישראל – ער איז געוועזן א פולער מענטש (- בעל כוח), ער האט גענומען א פאס שמן אויף די פלייצעס, און ער איז אוועקגעגאנגען און דאס אריינגעגעבן אין דער פאסט אריין. איז מיר אנגעקומען א גאנצע פאס שמן. איך האב עס צעטיילט, און מיט א גאנצער חשבון, ווערליג די פאמיליע: געגעבן 'דעם' דריי פלעשער שמן, 'דעם' צוויי פלעשער שמן (וכו').

דער ר' מרדכי האט מיר געשריבן, אז ישראל האט גענומען אויף דער פלייצע דער פאס שמן און אריינגעטראגן אין דער פאסט אריין. האב איך אים דעמאלט געשריבן: 'ביים אויבערשטן איז עס אזוי חשוב אזוי ווי מען האט געגעבן א "מנחה" און מען האט געגאסן דעם "מנחה בלולה בשמן" – אזוי איז עס פארן אויבערשטן חשוב!'. געדענק איך, אז ר' מרדכי האט מיר געשריבן, אז ישראל האט געהאט אזא מין סארט שמחה וואס איך האב אים געשריבן די ווערטער אז 'עס איז פארן אויבערשטן אזוי חשוב דער שמן'.

❖

און נאכדעם האב איך געהערט גריסן – דער פאטער איז דאך נעבאך גע'הרג'עט געווארן דורך עלעקטער[מז]. און דער ישראל איז געווארן אזא מין חסיד, ער איז

[מז] עי' סיפור המלא בשיש"ק ח"ד, אות תנ"ג: רבי מרדכי באברינ יצער ז"ל נהרג בעיר קראוואראג על ידי מכת עלעקטע"ר, והמעשה היה כך: כשעלו הקומוניסטים לשלטון ברח מעירו באבריניץ, כי שלטונות המַס עלו על עקבותיו ורצו לקחת ממנו את כל הונו ורכושו. באור לכ"ד תמוז תרצ"ו יום פטירתו של אביו רבי טוביה, הלך לאכל סעודה טובה כדי שיוכל לצום למחרת כמנהג התענית ביום שמת בו אביו, והלך ברחוב יחד עם הבחור רבי יעקב ב"ר יצחק באבריניצער, המכונה איציא, ושם ידו על כתיפו ודיבר עמו בעבודת ה' ודיבורי התחזקות בחביבות. לפתע החל לרדת גשם ומטר עז, עד שנקרע חוט לעקטע"ר שברחוב ונפל על שניהם ונהרגו בו במקום, בהיותו בגיל שבעים וארבע. ומצאום שוכבים כך כשידיו של ר' מרדכי חבוקות על הבחור ר' יעקב. כשנודע דבר פטירתו לאנ"ש שבאומאן, נעצבו כולם מאד, כי היה

געגאנגען מיט א בארד מיט לאנגע פיאות - אַן עובד השם געווען, אז עס איז גארנישט געווען צו דערקענען. איך האב אנגעהערט גריסן וואספארא עובד השם דער ישראל איז געווארן.

(ר' חיים שלמה: אין באבריניץ?) ניין, עס איז שוין געווען אין קראווראג. ער איז אנטלאפן אסאך - דאס איז געווען שוין נאך אומאן.

(ר' נחמן: נאך אומאן איז ער ווייטער אנטלאפן?) יא - ער איז אנטלאפן. אין אומאן וואלט מען אים גלייך איינגעזעצט.

הכלל, עס איז געווען מענטשן וואס זיי האבן געמאכט גוט - זיי האבן זיך צוגערירט צום רבי'ן, און זיי זענען געווען סוחרים - און זיי האבן זייער גוט געמאכט! דער אויבערשטער זאל אונז העלפן - מיר זאלן אויך מאכן גוט!

❖

## שטארק צוגעהאלטן דער האנט

(השואל: וועלכער יאר איז שבתי ברסלב'ער אוועק?) שבתי ברסלבער איז אוועק - איך וויים? תרצ"ג, צו צ"ד - צ"ד דאכט זיך. דאכט זיך אז ר' הערש לייב[מח] (ליפל) איז שוין געווען דא (בארץ ישראל). ר' הערש לייב איז געקומען אהער, תרצ"ד. (ר' משה: ווי איז געווען די פאמיליע נאמען זיינער?) וואדאוואז. (ר' נחמן: עס שטייט אין די בריוו[מט]: "חיים ב"ר שבתי וואדאוואז")

---

חביב וחשוב מאד בין אנ"ש, והיתה אז על ידי זה התעוררות גדולה לתשובה בין אנ"ש, כי היה בעל מדריגה גדולה וכן בעל צדקה מופלג.

[מח] גיסו של ר' לוי יצחק. היה חתנו של החסיד ר' אהרן קיבליטשער ז"ל.

[מט] מכתב אנ"ש הנדפס בספר "נחלי אמונה".

(ר' משה: און וועלכער יאר איז אוועק ר' מרדכי באבריניצער?) **ר' מרדכי איז אוועק צ"ו, אינמיטן זומער - כ"ד תמוז.**

(השואל: ווער איז געווען דער צווייטער וואס איז געווארן עלעקטערעזירט?) **ר' איציק באבריניצער'ס** (זון) **א חתן - ר' נחמן שטערנהארץ'ס א ברודער**[נ].

(השואל: ער איז געווען א חתן שוין?) **א חתן - יא**[נא].

❖

(השואל: איר דערציילט אז ווען ר' געצע איז געקומען אהיים האט ער געזאגט: "ער ווייסט - רבי אברהם האט אים געהאלטן דער האנט"!) **ער האט געזאגט, אז ער האט מורא,** (היות) **רבי אברהם האט אים זייער שטארק לאנג געהאלטן דער האנט, ער האט אים נישט אפגעלאזט**[נב].

❖

(ר' חיים שלמה: ווען איר זענט געקומען קיין אומאן זענט איר באלד געגאנגען צו רבי אברהם ר' נחמן'ס?) **מיר מעגן אויך זאגן - אז מיר האבן געהאט רבי אברהם ר' נחמן'ס - ווען מיר זאלן מער קלעבן ביי אים - וואלטן מיר ווען גענומען מער, נאר דאנקען גאט וואס איך בין כאטש נישט געווען קיין מתנגד אויף אים!**

❖ ❖ ❖

---

[נ] ה"ה, ר' יעקב בן רבי יצחק בן רבי נתן בן רבי נחמן בן מוהרנ"ת.

[נא] עי' שיש"ק ח"ה, אות רפ"ג.

[נב] מובא בטעם זקנים קונטרס ס"ג, וזל"ש: ר' געצע איז נפטר געווארן דעם 'שביעי של פסח', דעם אייגענעם ווינטער (של ראב"ן). ר' געצע איז געגאנגען מבקר חולה זיין ר' אברהם ר' נחמן'ס, און ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אים געגעבן די האנט און ער האט אים צוגעהאלטן די האנט, ער האט אים נישט אפגעלאזט די האנט, און ר' געצע האט געזאגט אויף זיך: **"ווער ווייס וואס דאס איז אז ר' אברהם לאזט מיר נישט אפ דער האנט?!"** - דאס איז געווען ערב ראש חודש טבת (יום פטירתו של רבי אברהם), און באלד איז ר' געצע קראנק געווארן...

# "כי שם המקום המוכן לו"

(ר' משה: איר האט געהערט וועגן דעם אז מען וויל נעמען חתימות ארויף צונעמען דעם רבי'ן קיין ארץ ישראל?[נג]) **חס ושלום! מען זאל נישט טראכטן פון דער זאך! דאס איז א געוואלדיגע מחשבה רעה, מען זאל גארנישט טראכטן פון דער זאך צו טוהן!**

(ר' משה: מען האט שוין אמאל גערעדט וועגן דעם?) **מען האט קיינמאל נישט גערעדט וועגן דעם - חס ושלום! מען זאל גארנישט טראכטן פון דער זאך! איך ווייס, די חברה טוהען דאך ווילדע זאכענישן - מען זאל גארנישט טראכטן פון דער זאך, דאס איז א געוואלדיגער שלעכטער רעיון. איי - וואס מען האט מורא אז מען קען דאך חלילה דארט מבזה זיין דעם רבי'נס ציון? - דאס זאל מען גארנישט קלערן, מיר זאלן גארנישט טוהן, דאס איז נישט אונזער** (געשעפט).

(ר' משה: עס איז דא וואס זאגן אז דער רבי האט געוואלט ליגן אין ארץ ישראל, נאר ער האט מורא געהאט מען וועט נישט האבן קיין עסק מיט זיין קבר[נד]) **עס איז שיינע פשט'ליך, שיינע חידושים, מען קען מאכן מיטן גראבן פינגער אזוי און אזוי, אבער טוהן עפעס טאר מען נישט**[נה].

---

[נג] היה זה בתקופה בעת שהלכו שמועות שהקאמוניסטן רוצים לבנות בנינים גבוהים מעל גבי ציונו הקדוש.

[נד] עי' חיי מוהר"ן קס"ב.

[נה] עי' חיי מוהר"ן קצ"ז: "אחר כך דיבר עמי מענין מקום ישיבתו, ואמר, שאומין טוב לפניו מאד, אם ירצה לישב באיזה מקום יותר טוב לפניו פה. ואמר **שגם לענין הסתלקותו כשימלאו ימיו ושנותיו לאורך ימים ושנים טוב גם כן פה**, כי באומין היה קדושת השם גדול מאד, כי נהרגו רבים מישראל לאלפים ולרבבות אשר מכל זה נתקדש שמו כידוע, וכו' עיי"ש. גם עיי"ש, אות רי"ז, בא"ד: "וכן כמה וכמה פעמים היה מדבר עם כמה אנשים, והפליג מאד בשבח הבית החיים של אומין. כי מונחים שם כמה קדושים אלפים ורבבות. כי שם היתה ההריגה הגדולה בעת הבריחה שנהרגו שם אלפים ורבבות נפשות קדושים מישראל, והיה שם קידוש השם הרבה מאד. **וכמה פעמים אמר בפירוש לפני ולפני עוד כמה אנשים שטוב לפניו לישכב שם** מחמת שהיה שם קידוש השם הרבה מאד, ואחר כך נתקיימו דבריו כולם ונסתלק באומין בבית האיש הנ"ל שנתן לו דירתו כנ"ל, אז המה ראו כן תמהו **והבינו כולם שכל עיקר ביאתו לאומין היה בשביל להסתלק שם כאשר נשמע מפיו בפירוש כמה פעמים** [...] וכשמעי זאת עמדתי מרעיד כי **עתה אנו רואים שזה כמה שנים מקודם עלתה זאת במחשבה, ונודע לו שמקום מנוחתו יהיה באומין** [...] **כי סוף כל סוף**

דער רבי האט דאך געוואלט ליגן דארטן, ווייל דארטן ליגן די אלע קדושים, און דער רבי איז דארטן געווען, און דערפאר איז ער עקסטער ארויס קיין אומאן צוליב דעם. איי, דאס וואס טוהט זיך א מעשה מיט א געשעפט? - דערווייל וואו שטייט איין היינט דער 'קדשי קדשים' - מיר קענען דארט צוגיין? וואו שטייט ער היינט איין? דארטן ביי זיי (- די אראבער) - און דער אבן שתיה הענגט אזוי אין דער לופטן (בבזיון). וואו שטייט ער איין? אלץ ביי זיי!

(ר' נחמן: ברענגען דעם רבי'ן - מען טאר עס גארנישט טראכטן, מען דארף גארנישט רעדן פון אזא זאך!) דער קדשי קדשים שטייט היינט איין ביי די אראבער - דער אבן שתיה איז ביי זיי. ער איז ביי זיי - ביז עס וועט קומען דער זמן.

מען טאר גארנישט קלערן דערפון. אז דעם רבי'נס ציון האט א קיום און עס איז בכבוד - דאס איז מן השמים, אבער מיר מעגן טוהן א פעולה?! איי, עס שטייט אזעלכע קליפות (הקאמוניסטן) רח"ל? אזוי איז עס[נו].

---

**נשארה המתנה טוב בידינו מאחר שזכינו שהחמדה גנוזה נגנזה בסביבותינו באומין כאשר עלתה במחשבה לפניו זה כמה. ועל ידי זה עדיין יש לנו תקוה לזכות לכל הטוב אשר חפץ להיטיב עמנו לנצח**. ודבר אלקינו יקום לעולם. ובכל זה יש בלבי הרבה אך אי אפשר לבאר מחמת חשכת העולם".

[נו] בענין הקשר בין האבן שתיה למקום גניזת הצדיק עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ס"א, אות ז', וזל"ש: "וזהו בחינת מה שנוסעין על ראש השנה לצדיקים. כי ראש השנה הוא יומא דדינא של כל השנה, וכל אחד ואחד בא עם קדושתו וצמצומיו אל הצדיק הדור. **שהוא בחינת קדשי קדשים, בחינת אבן שתיה**. בבחינת (שמואל א ב): "כי לה' מצוקי ארץ וישת עליהם תבל". שהם הצדיקים שעליהם נשתת העולם. ועל ידי זה נמתקים כל הדינים, על ידי בחינת אבן שתיה כנ"ל. ועי' בספר "פרפראות לחכמה" על תורה זו, אות ט"ו, וזל"ש: "ובזה מבואר מאוד מה שאמרו רז"ל (סוטה יג) בענין השני ארונות שהיו מהלכין במדבר ארונו של יוסף והארון ששם לוחות האבן וכו' קיים זה מה שכתוב בזה. **ולפי הנ"ל הם ענין אחד ממש**. ועיין בתנחומא פרשת וארא, וכן במדרש רבה שלא היה יכול שלמה להכניס את הארון לבית קודש קדשים עד שהביא ארונו של דוד, והכל מבואר על פי הנ"ל, כי הצדיק האמת הוא בחינת קדשי קדשים אבן שתיה, ששם היה עומד הארון עם הלוחות שזה בחינת לוחות האבן כמבואר בפנים. ולבאר הענין בדקות ורוחניות יותר קצת הוא, כי ידוע כי מקום גניזת הצדיק הוא קדוש בקדושת ארץ ישראל, וכמובא בדבריו ז"ל בליקוטי תניינא סי' ק"ט, וזה ידוע כי גם בקדושת ארץ ישראל עצמה יש כמה בחינות שזה בחינת מה שאמרו רז"ל (כלים א ו) עשר קדושות קדשה ארץ ישראל וכו' ועיקר קדושתה נמשך מקדשי קדשים ששם האבן שתיה, ושם היה עומד הארון עם הלוחות, ושם מאיר בחינת אור החכמה עילאה, ומשם נמשך

מיר האבן דאך דא א שפיגל – וואו איז היינט דער אבן שתיה – דער קדשי קדשים – ביי וועמען איז ער? ווער גייט דארט? זיי (די אראבער) גייען דאך אלע טאג דארטן – קענען מיר טוהן עפעס א פעולה? דאס איז דאס, (מיר קענען) בעטן דעם אויבערשטן! מיר דארפן מקרב זיין דער גאולה און ביאת משיח, וועלן מיר האבן צוריק די אלע הייליגקייטן.

אזעלכע ווערטער קען נאר זאגן דער וואס האט נישט קיין ישוב הדעת און איז פארפלוטעט[נז] – ער קען זאגן אזעלכע נארישע רעיונות ח"ו! ווער וועט זיך וועלן צורירן צו האבן א חלק אין אזא מין זאך, חס וחלילה!?

מיר האבן דאך דא א שפיגל פאר זיך: דער קדשי קדשים איז ביי די אראבער, זיי גייען אלע טאג אריין אין קדשי קדשים. און (בנוגע) דעם רבי'נס ציון – מיר דארפן שטיין פון דערוויטנס און קוקן: 'רבוש"ע, האב אויף דיר אליין רחמנות! האב אויף דיר אליין רחמנות!' דא למטה קען מען גארנישט טוהן. אז א איד וויל האבן מערער? שטיי אויף חצות און בעט דעם אויבערשטן: 'זיי מקרב דער גאולה!' - וועלן מיר האבן צוריק די אלע הייליגקייטן!

(ר' נחמן: רבי נתן שרייבט דאך: "כי שם המקום המוכן מששת ימי בראשית!"[נח])

קדושה לכלל ארץ ישראל אשר בשביל זה אמרו רז"ל כי (בבא בתרא קנ"ח:) אוירא דארץ ישראל מחכים וכן ידוע כי גם בין הצדיקים יש כמה וכמה בחינות ועל כן אפשר לומר **שמקום גניזתו של הצדיק האמת מופלג במעלה מופלגת מאוד מאוד הוא בחינת קדושת האבן שתיה ממש!**. ובזה תבין קצת מה שמספרין אנ"ש מענין הסתלקותו הקדוש של רבינו ז"ל ביום ד' של סוכות שחל אז ביום ג' (כי יום ראשון של סוכות חל אז ביום שבת קודש) **ושמעו מרבינו ז"ל איך שישב על מיטתו בחלישות גדול מאוד ואחז הלולב עם האתרוג בידו, ואמר בקול נעים קול דממה דקה קדוש ונורא מאוד את תפלת ההושענא של "אבן שתיה", עמוד והתבונן והתפלא עד היכן הדברים מגיעים!** ואי אפשר להאריך בענינים גבוהים ורמים ונשגבים נסתרים כאלו כמובן".עי' גם בליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ד, אות י"ג.

[נז] ע"פ שיחות הר"ן רכ"ח.

[נח] עי' ספר ימי מוהרנ"ת ח"א, אות ס"ו: **"כי שם המקום המוכן לו מששת ימי בראשית לעסוק שם בתיקון העולם לדורות לכל מי שיבוא אליו לשם ויאמר העשרה קפיטל תהלים הידועים אצלנו** (אשר נדפסו כבר כמה פעמים) **כאשר הבטיח בחיים חיותו אשרי הזוכה לזה"!**.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **משה מרדכי בלום** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **עקיבא עהרמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בנו החה"ח **מרדכי חיים** עב"ג מוה"ר **ישראל דוב פריעד** הי"ו מסאוט פאלסבורג
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **נחמה** ב"ר **נתן** ע"ה
נלב"ע ד' תמוז ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה